בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

האיזנו-יו"כ
ח'-י' תשרי תשפ"ז

גליון מס': רה
שנה ד'

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:06 |
| מוצש"ק | 7:16 |
| ר"ת | 7:56 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:44 | סוז"ת א' | 10:01 |
| סוזק"ש ב' | 9:31 | סוז"ת ב' | 10:30 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

## טיב המערכת

### יָפָה שָׁעָה אַחַת

עס ווערט דערציילט אויפן קעניג אֲלֶכְּסַנְדֶּר מוֹקְדוֹן, אז איינמאל איז ארויסגעפארן אין וואלד צו פאנגען חיות, ווי דער שטייגער פון די קעניגן. ווי פארשטענדליך האט ער זיך פארשטעלט ווי א פשוט'ער מענטש און אזוי האט ער זיך ארויסגעלאזט אין וועג. זייענדיג אין וואלד, האט ער געזען אן עלטערער איד, א זָקֵן וּשְׂבַע יָמִים, וועלכער האט אפגעלאזט זיין משפחה און זיינע באקאנטע און ער איז אריבערגעגאנגען וואוינען אליין אין וואלד אין א קליין הייזל, און נעבן זיין הייזקע פליסט א קוואל מיט וואסער, און נעבן דעם וואקסט אן עפל־בוים און פון דעם שפייזט ער זיך.

דער קעניג איז זייער נתפעל געווארן פון דער מענטש און ער האט באשלאסן אז ער וועט אריינגיין ביי אים אינדערהיים און אביסל אויסגעפינען וועגן אים. דער קעניג איז אריינגעגאנגען אין הויז, און האט אנגעהויבן פרעגן דעם אלטן זיינע פראגן: פארוואס האסטו אפגעלאזט די שטאט און דו האסט דיך אריבערגעצויגן וואוינען אליין אין וואלד, און נאכמער, האסטו דען נישט מורא פון די ווילדע חיות פון וואלד וועלכע זוכן א פארצוקעניש? אבער דער אלטער האט זיך בכלל נישט וויסנדיג געמאכט פונעם קעניג. ווען דער קעניג האט דאס געזען, האט ער ארויסגענומען זיינע געוועטר און ער האט געזאגט: איך בין דער קעניג אלכסנדר מוקדון, און אויב דו וועסט מיר נישט ענטפערן וועל איך דיר הרג'נען!

האט דער איד געענטפערט פארן קעניג: מיר אידן וויסן, אז דער עולם הזה און אלע זיינע געשעפטן זענען נאר א צוגרייטונג צו די לעבן פונעם עולם העליון וואס איז אזוי הויך און דערהויבן, און יעדער איינער דארף זיך גרייטן אז ער וועט קומען אויבן נאך די הונדערט און צוואנציג, און יעצט האב איך געזען אז איך בין שוין אלט און מיינע יארן זענען געציילטע, און וויבאלד אין שטאט איז מיר שווער צו קאנצענטרירן אין מיין הויפט אויפגאבע, דעריבער האב איך באשלאסן צו אפלאזן אלעס און איך האב זיך אריבערגעצויגן דא צו וואוינען, כדי זיך צו גרייטן ווי עס דארף צו זיין צום עולם הבא צו וועלכע איך וועל אנקומען נאך מיין שטארבן!

דער קעניג איז נאכמער נתפעל געווארן פון דעם עלטערן איד, און ער האט אים געלאדנט אז ער זאל אים קומען באזוכן אין זיין פאלאץ, און דארט – האט אים דער קעניג צוגעזאגט – וועט ער זיך קענען אויסוועלן וועלכע מתנה ער וויל. האט אים דער איד געענטפערט: אדוני המלך, דו בעסטע מתנה וואס דו קענסט מיר יעצט געבן איז, אז דו זאלסט יעצט נישט אויסברענגען מיין טייערע צייט מיט איבעריגע ווערטער וועגן די ענינים פון דער וועלט!

די הייליגע חז"ל זאגן יָפָה שָׁעָה אַחַת בִּתְשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בָּעוֹלָם הַזֶּה, מִכָּל חַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא, איז יעצט ווען מיר שטייען אין די עשרת ימי התשובה, דארפן מיר טייער האלטן יעדן רגע, ווייל איין שעה פון תשובה איז ווערד מער ווי די גאנצע לעבן פון עולם הבא, אויב אזוי, ווי טייער איז אזא וואך! דעריבער, לאמיר געהעריג אויסניצן די יעצטיגע צייט, יעדער איינער לויט זיין מעגליכקייט און אפילו מער פון דעם, און פארמערן מיטן לערנען תורה, און מיט דאווענען און זאגן תהלים.

ויהי רצון אז מיר זאלן אלע זוכה זיין צו א גמר חתימה טובה און צו א שנה טובה ומתוקה. (עפ"י טיב המועדים – ימים נוראים – עשי"ת)

## טיב הפרשה

# די גרויסע כח התשובה דווקא אין די טעג

### אֶרְפָּא מְשׁוּבָתָם

פון די וואונדערליכע מתנות וואס כלל ישראל האט באקומען פון דעם בורא כל העולמים זענען די הייליגע טעג פון ראש השנה ביז יום כיפור.

א גאנץ יאר האט א איד די כוחות צו טון תשובה, אבער אין די טעג זענען די הימלען אפן, דער איד קען זיך מקרב זיין און תשובה טון פאר'ן בורא כל העולמים.

די תשובה איז גרינגער און ווערט אויך שנעלער און בעסער מקובל לפני אדון הכל.

די גרויסע כח וואס די טעג פארמאגן ווערט מבואר אין חז"ל און אויך אין די ספרי הלכה.

דער הייליגער רמב"ם [הלכות תשובה פרק ב'] ברענגט אראפ די גמרא אין ראש השנה [דף יח ע"א] בנוגע די גרויסקייט פון די טעג וז"ל: "אף על פי שהתשובה והצעקה יפה לעולם, בעשרה הימים שבין ראש השנה ויום הכפורים היא יפה ביותר ומתקבלת היא מיד, שנאמר (ישעיה נה, ו) 'דרשו ה' בהמצאו'".

ענדליך צו דעם טרעפן מיר אין ספה"ק סדר היום אין דער סדר פון ראש השנה און פאלגענד זענען זיינע ווערטער: "אחר צאת ראש השנה לא ישליך מעליו הכניעה והשפלות, כי כל עשרה ימים אלו נקראים ימי תשובה, ואשרי החוזר בהם ושב מחטאותיו כי תפלתו נשמעת ותשובתו מקובלת, כמו שלמדו מפסוק 'דרשו ה' בהמצאו', ואפילו ליחיד, ויש הפרש בין תשובת ימים אלו לשאר ימות השנה כהפרש האור מן החשך".

דער סדר היום שמועסט אויס מיט א קלארקייט אז די אין די טעג ווערן די תפילות געהערט מער ווי אייביג, און אז די טעג זענען מער ווי אגאנץ יאר כיתרון האור מן החושך.

### דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב – די מעלה פון די טעג

א שיינער משל זאגט מען נאך פון די פריערדיגע מגידים איבער די גדלות פון די טעג.

משל למה הדבר דומה צו א שטאט וואס האט זיך זייער פארזינדיגט פאר א קעניג. שפירנדיג אז זיי האבן איבערגעצויגן די שטריקל האבן זיי געציטערט פון די רעקאציע פון דעם קעניג, אז ער וועט זיי שארף באשטראפן.

נישט וועלנדיג ליידן די ביטערע קאנסעקווענצן, האבן זיי זיך ארגאניזירט און ארויסגעשיקט א געערטע דעלעגאציע צו דעם קייזער, אז זיי זאלן זיך גיין איינבעטן ביי דעם קעניג.

נאך עטליכע טעג פון זיין אונטערוועגנס, האט די געערטע דעלעגאציע דערגרייכט צו די קעניגליכע הויף. זיי האבן באשטעלט אן אודיענץ ביים קייזער און צו די באשטימטע צייט האט מען זיי אריינגעפירט צו דער קייזער.

דער קעניג האט זיי אויפגענומען. עס איז געווען קענטליך אויף דעם קייזער אז ער איז זייער אנגעווייטאגט אויף זיי, און אז זיי וועלן דארפן ארבעטן שווער איבערצובעטן דעם קעניג.

א לענגערע צייט זענען זיי געזעסן ביים קייזער און גערעדט צו אים. ענדליך האט דער קעניגליכער הארץ אנגעהויבן ווערן ווייכער און דער קעניג האט באוויליגט זיי צו פארגעבן.

אין יענער צייט איז אויך אנגעקומען אן איינצעלער פארשוין צו די שטאָט. דער איינצעלער פארשוין איז געווען א נאנטער צו דעם קעניג אבער מיט די יארן האט ער פארראטן דעם קעניג.

אויך ער, איז געקומען צוליב דעם זעלבן צוועק, אויך ער האט געפלאנט איבערצובעטן דעם קעניג.

דער איינצעלער פארשוין, הערנדיג אז א דעלעגאציע פון יענער שטאט איז צוגאסט אין שטאט און דער צוועק פון זייער רייזע און אז דער קעניג האט זיי פארגעבן, איז געווען זיכער אז יעצט איז א שעת הכושר אריינצוגיין צום קעניג. ער איז אריבער אין דעם קעניגליכן פאלאץ און געבעטן אז מ'זאל אים אריינלאזן צום קעניג.

ווי ערשטוינט איז ער געווען אנקומענדיג אהין, צו זען אז מ'לאזט אים נישט אריין צום קעניג.

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

"וואס בין איך אנדערש פון זיי"? האט ער נישט געקענט פארשטיין.

די באאמטע האבן אים געגעבן צו פארשטיין אז דאס איז געווען א חשוב'ע דעלעגאציע וואס האט זיך איינגעבעטן אז מ'זאל זיי אריינלאזן. אין אנהייב האט מען נישט געלאזט אבער זיי האבן זיך געבעטן, און ענדליך האט מען זיי אריינגעלאזט, אבער דו קומסט אן אהער ווי אן איינצעלער מענטש און דו ווילסט אריינגיין.

עס גייט נישט אזוי.

דער פארשוין זעענדיג אז עס וועט נישט גיין אזוי גרינג, האט געטראכט וואס ער קען טון און עס איז אים איינגעפאלן א געדאנק. וויסנדיג אז עס איז דא א צייט ווען דער קעניג גייט טעגליך אויף א שפאציר און דאן קען מען אנקומען צום קעניג, האט באשלאסן אז ער וועט אפווארטן דעם קעניג און צוגיין צו אים און זיך איינבעטן ביי אים און מסביר זיין פאר'ן קעניג אלעס, ביז ווען דער קעניג וועט ווערן איבערגעצייגט און זיך דערבארעמען אויף אים.

דער פארשוין האט אזוי געטון, ער האט אפגעווארט דעם קעניג דארט און זיך דערנענטערט צום קעניג און זיך איינגעבעטן אז דער קעניג זאל אים פארגעבן.

דער נמשל איז אז מיר זענען פארזינדיגט פאר הקב"ה, מיר פראבירן צו צוקומען צום מלך מלכי המלכים און זיך איינבעטן ער זאל זיך דערבארעמען אויף אונז, אבער עס גייט אונז נישט.

די עצה איז צו קומען אין די טעג, אויף די הייליגע טעג שטייט אז הקב"ה לאזט זיך כביכול אראפ צו די וועלט. אין אזא צייט קען מען גרינגער צוקומען צו הקב"ה, און די צייט דארף מען אויסנוצן צו קומען צום קעניג און זיך איינבעטן.

אין אזא צייט קען אויך א יחיד אויפטון גרויסע זאכן, אפילו אז אגאנץ יאר האט א יחיד נישט אזא שטארקער כח, ווייל אין די טעג איז דער רבוש"ע מיט אונז.

דער געדאנק איז מבואר אין די ווערטער פון די הייליגע חז"ל.

די גמרא אין מסכת ראש השנה [דף י"ח] ברענגט אראפ א סתירה צווישן צוויי פסוקים אין די תורה.

אין איין פסוק שטייט [דברים ד, ז] מי כה' אלקינו בכל קראנו אליו, וואס פון דער פסוק איז משמע אז ווען א איד רופט צו הקב"ה הערט הקב"ה אויס זיינע תפילות.

דאגעגן אין ישעיה [נה. ו] שטייט דרשו ה' בהמצאו אז מ'זאל זוכן הקב"ה 'בהמצאו' ווען מ'קען אים טרעפן.

פון דעם איז איז משמע איז נישט אייביג קען מען טרעפן הקב"ה, אז נאר אין געוויסע זמנים קען מען אים טרעפן.

די גמרא אויפ'ן ארט איז מיישב די קשיא אז עס איז נישט קיין סתירה, ווייל דא רעדט מען פון א 'יחיד' און דא רעדט מען פון א 'רבים'.

די כח הרבים איז זייער גרויס. דורך איר קען מען אייביג אנקומען צו הקב"ה, אבער א יחיד האט נישט אייביג אפענע טויערן. דער יחיד קען נאר אנקומען אין א צייט ווען עס ווערט מקויים דער 'בהמצאו' אז די טויערן זענען אפן און מ'קען זיך ממציא זיין פאר הקב"ה, און דאס איז אין די צייט פון די עשרת ימי תשובה, ווי עס איז דארט דער לשון הגמרא: "אמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה, אלו עשרה ימים שבין ראש השנה ליום הכפורים", ווייל דאן קען אויך א יחיד אנקומען צום בורא כל העולמים.

**די כח התשובה – עוקר זיין די מעשה מעיקרא**

אין די טעג קען מען תשובה טון, אבער די שאלה וואס שטעלט זיך איז, ווי אזוי קען א איד טון תשובה? די תשובה איז דאך קעגן די שכל.

דער מענטש האט געטון אן עבירה און ווייל ער גייט יעצט זיך מקבל זיין אז ער גייט מער נישט טון די פעולה ווערט די פעולה אויס פעולה – ווי אזוי ארבעט די ביידע אינאיינעם?

די פריערדיגע פרעגן שוין די קשיא, און מ'טרעפט אויף איר עטליכע מהלכים. צווישן זיי איז דא דער געדאנק פון דער הייליגער רמח"ל אין ספר הק' מסילת ישרים.

דער רמח"ל איז מחדש אז די תשובה איז ווי עוקר די מעשה, די חרטה געבט א כח פאר'ן מעשה עס עוקר צו זיין מן השורש.

מיר ברענגען אראפ דא לשון קדשו: "אמנם, מדת הרחמים היא הנותנת שהתשובה תינתן לחוטאים בחסד גמור, שתחשב עקירת הרצון כעקירת המעשה, דהיינו, שבהיות השב מכיר את חטאו ומודה בו ומתבונן על רעתו ושב ומתחרט עליו חרטה גמורה דמעיקרא כחרטת הנדר ממש, שהוא מתנחם לגמרי והיה חפץ ומשתוקק שמעולם לא היה נעשה הדבר ההוא ומצטער בלבו צער חזק על שכבר נעשה הדבר ועוזב אותו להבא ובורח ממנו, הנה עקירת הדבר מרצונו, ייחשב לו כעקירת הנדר ומתכפר לו. והוא מה שאמר הכתוב (ישעיה ו, ז): "וסר עוונך וחטאתך תכופר", שהעוון סר ממש מהמציאות ונעקר במה שעכשיו מצטער ומתנחם על מה שהיה למפרע".

אן אנדער דערהער ברענגט ווערט אראפגעברענגט אין ספר 'מדרגת האדם' פון דער אלטער פון קעלעם.

אין זיינע ווערטער טענה'ט ער אז די ווערטער פון דער הייליגער רמח"ל איז א דוחק און ער ברענגט אראפ א צווייטע בחינה אין דעם נושא.

לשיטתו איז דער דערהער אז ווען א איד טוט תשובה די בחינה א לומד'ישע בחינה אז הקב"ה איז כביכול מתיר דער איסור אויף למפרע.

אז מ'זאל ארויסהאבן די דערהער מיט א קלארקייט, לאמיר אראפברענגען לשונו בקודש: "הרי מדוע כשעשה האדם מעשה חטא מסוים נעשה הוא לחוטא? מי אמר שמעשה זה הוא חטא ועוון? הלא הקב"ה בתורתו אסר זאת ובמאמרו נעשה מעשה זה לחטא, והנה אותו אחד שאמר שמעשה זה הוא עבירה הוא אמר שהשב בתשובה נמחל לו, נמצא שמי שאסר הוא שהתיר, הקב"ה קבע שהוא חוטא והקב"ה עצמו נתן לו את מצוות התשובה להתירו מחבלי העוון, והעבירה והתשובה שניהם מרועה אחד ניתנו".

**כי קרוב אליך הדבר מאוד - די גרינגקייט פון תשובה**

די תוה"ק זאגט (דברים ל, יד) "כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו".

לויט דער הייליגער רמב"ן גייט די ווערטער ארויף אויף תשובה, די תוה"ק זאגט אז די מצוה פון תשובה איז א גרינגע מצוה.

די תוה"ק זאגט עדות אז תשובה איז א גרינגע זאך, אבער במציאות זעט עס נישט אויס א גרינגע זאך. עס פעלט זיך אויס אסאך הארעוואניע אז מ'זאל אנקומען צו די ריכטיגע דרגה פון תשובה.

מ'האט אמאל געפרעגט די שאלה פאר ר' איצעלע פון פעטערבורג זצ"ל און ער האט געענטפערט אויף איר א שטארקע דעהער. ער האט געגעבן צו פארשטיין אז איר גרינגקייט מיינט נישט אז עס איז גרינג צו טון תשובה, ווייל תשובה איז א שווערע זאך, נאר אז עס איז גרינג קעגן די עבירה.

דער מענטש זאל זיך פאָרשטעלן אז מ'קען נישט תשובה טון, אז ער זאל בלייבן אייביג מיט די עבירה רח"ל. אין אזא פאל וואלט זיך דער מענטש נישט געקענט דערליידן. ער איז א בעל עבירה, אבער ער האט אויך נישט די ברירה צו זינדיגן ווייטער.

בעצם איז ער אויסגעשפילט פוןביידע וועלטן, ער האט נישט דאס און נישט דאס. די שוועריגקייט פון לעבן מיט אזא זאך איז זייער גרויס.

דער באשעפער ברוב רחמיו וחסדיו האט אונז געגעבן אזא זאך ווי תשובה, דורך די תשובה קען מען זיך צוריקקערן צו הקב"ה און זיך מכפר זיין.

די תשובה איז אסאך גרינגער ווי ווען מ'וואלט נישט געהאט קיין תשובה.

דער געדאנק ליגט אין דעם רעיון אז תשובה איז א גרינגע זאך.

זאל הקב"ה געבן אז מ'זאל קענען תשובה טון בשלימות און זיך צוריקקערן צו הקב"ה און זיך איבערבעטן מיט אים, און אין די זכות פון תשובה בשלימות וועט מען פועל'ן א לעבטיגע יאר און האבן א גמר חתימה טובה אמן.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

## געשריבן הזך לייענדס

### מַעֲבִירִין מִמֶּנּוּ עוֹל דֶּרֶךְ אֶרֶץ!

אין ברען פון די הייליגע טעג האב איך זיך פארגענומען א קבלה טובה אז טאג טעגליך ביי שחרית וועל איך דאווענען פון אנהייב ביז צום סוף דאווענען, און כ'וועל נישט אויסטון די תפילין ביז נאך די לעצטע קדיש פון שחרית.

טאג טעגליך האב איך אנגעהאלטן די קבלה טובה, אבער איין טאג איז עס מיר אויסגעקומען שווער.

א נאכט פארדעם האב איך געהאט א חתונה פון מיין ברודער. די חתונה האט זיך געענדיגט זייער שפעט און אויף צומארגענס האב איך געדארפט נעמען מיין קינד אין חדר און עס האט מיר אויך געווארט אן אפוינטמענט ביי א דאקטאר.

א לאנגער צייט האב איך געווארט אויף די אפוינטמענט, און כ'האב עס נישט געוואלט דערלייגן פאר קיין געלט אין די וועלט.

אנקומענדיג שפעט אין שול האב איך זיך געשטעלט דאווענען מיט א מנין. איך האב אויסגערעכנט אז איך זאל קענען אניאגן אלעס, אבער צו מיין מזל האט דער בעל תפילה געדאווענט לענגער ווי געווענליך און עס האט זיך אנגעהויבן אן אינערליכע מלחמה אין מיר, צי איך זאל פארציכטן און זיך דאסמאל מקיל זיין אין די קבלה, אדער איך זאל זיך האלטן שטארק.

ענדע האב איך זיך געשטארקט און כ'האב אנגעהאלטן מיין קבלה טובה און געווארט ביז די ענדע פון דאווענען און נאר נאך די לעצטע קדיש פון 'לדוד ה' אורי וישעי' האב איך אויסגעטון די תפילין.

יעצט האט זיך אנגעהויבן די יאגעריי. איך האב אן אייגענער קאר. איך בין אהיימגעלאפן נעמען מיין קינד אים צו טראגן אין חדר און פונדארט האב איך געפלאנט צו פארן צו דער דאקטאר'ס קליניק.

ארויסקומענדיג פון מיין שטוב זעה איך אז דער דרייווער וואס נעמט יעדן טאג מיין קינד אין חדר שטייט דארט. עס איז געווען היבש שפעטער פון דער צייט ווען מיין קינד גייט טעגליך אין חדר.

"דו פארסט יעצט אין חדר"? געב איך אים א פרעג.

"גראדע יא".

"קענסט נעמען מיין קינד?" האב איך אים געפרעגט.

"זייער גערן".

דער דרייווער האט גענומען מיין קינד אין חדר און כ'האב געקענט גלייך פארן צו די דאקטאר'ס קליניק.

אנקומענדיג אין די קליניק האב איך געהערט ווי מ'רופט אויס מיין נאמען.

איך האב געדאנקט הקב"ה אז איך בין אנגעקומען באצייטנס און געזען מיט א קלארקייט ווי אזוי פון היטן א קבלה טובה דערלייגט מען נישט.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: י.ק.)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

# שַׁבָּרַת שׁוּבָה

**"יַעֲרֹף כַּמָּטָר לִקְחִי, תִּזַּל כַּטַּל אִמְרָתִי, כִּשְׂעִירִם עֲלֵי דֶשֶׁא, וְכִרְבִיבִים עֲלֵי עֵשֶׂב"** (לב ב).

יין **תלמוד ירושלמי** (תענית פ"ב ה"א) ווערט געברענגט: "אָמַר רַבִּי בֶּרֶכְיָה, כְּתִיב 'יַעֲרֹף כַּמָּטָר לִקְחִי', כָּפוּ עוֹרְפָן לִתְשׁוּבָה – מִיַּד הַגְּשָׁמִים יוֹרְדִין".

אאס איז וויבאלד ווען די רעגן הערט אויף אראפצוקומען, איז עס א סימן אז דאס אידישע פאלק אאט געזינדיגט מיט אלע ערליי זינד. אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין די **גמרא** (תענית ז:) אסאך סארטן עבירות וואס צוליב זיי ווערט די רעגן אפגעהאלטן פון צו אראפקומען. און דעריבער, ווי נאר זיי האבן געבויגן זייער גענאק צו תשובה טון, איז גלייך קומט אראפ די רעגן.

און מיר האבן א כלל, אז אֵין בִּפְרָט אֶלָּא מַה שֶׁבִּכְלָל, איז די רעגן מרמז פאר אלע ערליי השפעות טובות אין אלע ענינים. אזוי ווי די הייליגע חז"ל זאגן דארט אין די גמרא: "גָּדוֹל יוֹם הַגְּשָׁמִים שֶׁאֲפִילוּ פְּרוּטָה שֶׁבַּכִּיס מִתְבָּרֶכֶת". און דעריבער איז אויך בפרטות, אז אויב א מענטש בייגט זיין געגאק צו תשובה, איז ער גלייך זוכה אז עס קומען אן צו אים אלע ערליי השפעות טובות.

דאס איז אויך א גוטע סגולה פאר איינער וואס פילט אז דער שפע האט אויפגעהערט צו קומען צו אים, איז די עצה אז ער זאל זיך בייגן זיין געגאק בִּתְשׁוּבָה לְמָה און ער זאל פארבעסערן זיינע מעשים, און דורכדעם וועלן אנקומען צו אים אלע ערליי השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות, **אמן**.

***

ער הייליגער **רבי פון לובלין זצוק"ל** איז אמאל געפארן אויף א 'נסיעה' צו זיין רבי'ן **דער איש האלקים, דער רבי ר' אלימלך זצוק"ל זי"ע**. גייענדיג אין וועג האט ער באגעגנט א גוטער איד וועלכער האט זייער שטארק אויסגענומען אין זיינע אויגן, און גייענדיג צוזאמען האט זיך אנטוויקלט א פריינדליכע שמועס צווישן זיי.

ווישן אנדערע, האט אים דער רבי פון לובלין געפרעגט: האסטו א רבי ביי וועמען דו דרייסט זיך?

ניין! האט דער איד געענטפערט. צום באדויערן, האב איך נישט געפינען קיין רבי לויט מיין גלוסטעניש.

דעריבער, קום מיט מיר יעצט קיין ליזענסק, האט דער בבי פון לובלין אים געזאגט, וואו דו ווערסט אוודאי געפינען אלעס וואס דו וואונטשסט זיך נאר!

אזוי זענען זיי געגאנגען צוזאמען, ווען אויפן וועג האבן זיי עוסק געווען בתורה ועבודה מיט מוחין דגדלות א גאנצע וועג, און זיי האבן זיך זייער געפריידט מיט די נייע חברותא וואס איז געשאפן געווארן צווישן זיי.

אזוי זענען זיי אנגעקומען קיין ליזענסק מיט א גוטע געמיט, און זיי זענען תיכף געגאנגען צום הויז פונעם צדיק, כדי צו נעמען שלום.

ווי פארוואונדערט זענען זיי אבער געווארן, זעענדיג אז ווי נאר זיי האבן איבערגעטראטן דעם שוועל פון ער הייליגער רבי ר' אלימלך, און ער האט זיי געזען, האט ער זיך אויסגעדרייט צום וואנט, און ער האט זיי נישט געוואלט ענטפאנגען און ער האט זיי אפילו נישט געוואלט זען!

דאס איז געווען אן אפטע ערשיינונג אין ליזענסק, אז איינער זאל באקומען אזא סארט 'קבלת פנים'... און דאס איז געווען א סימן פאר א מענטש, אז ער האט זיך נישט אנגעגרייט אזוי ווי עס דארף צו זיי, און ער דארף תשובה טון און טרעפן ביי זיך א חסרון, כדי ער זאל וויסן און פארשטיין פארוואס ער דארף קומען צו דער צדיק.

דער הייליגער רבי פון לובלין, וועלכער האט שוין נערקענט די וועגן פון זיין הייליגער רבי'ן, איז געגאנגען און האט שטארק עוסק געווען אין תשובה ההשתפכות הנפש, דערפאר וואס ער איז אוועקגעשטופט געווארן מִפְּנֵי הַקֹּדֶשׁ. אבער אויפצומארגנס, ווען ער איז געקומען דאווענען שחרית, איז ווען דער רבי איז אריינגעקומען צום דאווענען האט ער זיך זייער געפריידט צו אים, און האט אים געגעבן זייער א פריינדליכער בליק, און האט אים געוואונקען אז ער זאל אריינקומען צו אים נאכן דאווענען.

ווען דער רבי פון לובלין איז אריינגעקומען, האט אים דער רבי ר' אלימלך אויפגענומען בסבר פנים יפות, און האט אים זייער שיין מקרב געווען, און דערביי האט ער אים געגעבן צו פארשטיין, אז נישט וועגן אים האט ער אים נעבטן מַדְחֶה געווען, נאר צוליב דער נייער 'גאסט' וואס ער האט מיטגעברענגט מיט זיך...

האט דער רבי פון לובלין ווייטער געפרעגט: ער איז דאך אבער א תלמיד חכם מופלג, און א יְרֵא שָׁמַיִם מֵרַבִּים?

האט אים דער הייליגער רבי ר' אלימלך געענטפערט, אז עס זענען דא פיר ערליי מענטשן:

א. עס איז דא א איד וועלכער איז נישט גוט, און ער ווייסט און פארשטייט אויך אז ער איז נישט גוט. – אזא מענטש וועט אוודאי צוקומען צו תשובה, וויבאלד ער איז מכיר אין זיין מצב, און ער ווייסט אז ער איז נישט גוט.

ב. דאס איז א איד וועלכער איז נישט גוט, אבער ער טראכט אויף זיך זעלבסט אז ער איז יא גוט. – אויך אזא מענטש וועט אנקומען צו די מדה פון תשובה, ווען עס וועט אנטפלעקט ווערן פאר אים די אמת אז ער לעבט אין א טעות, און אין אמת'ן ייז ער נישט גוט, און ער דארף זיך פארעכטן.

ג. א איד וועלכער איז גוט, אבער ער טראכט אויף זיך אליין אז ער איז נישט גוט. – דאס איז אוודאי א חשוב'ע מעלה, וויבאלד ער איז אן עניו, און אין יעדער צייט וועט ער צולייגן נאך און נאך אין די שטאפלען פון תשובה.

ד. אבער אזא איד וועלכער איז גוט, און ער טראכט אויך אויף זיך אז ער איז גוט. – אזא מענטש וועט קיינמאל נישט תשובה טון ח"ו, ווייל ער וועט נישט וויסן און נישט טרעפן קיין חסרון ביי אים, אן צו וויסן וואס ער האט נאך צו מתקן זיין אויף די וועלט, וויבאלד ער האלט דאך אז ער איז גוט...

אט דאס איז דער פראבלעם פון דער גאסט וואס דו האסט מיטגעברענגט נעבטן ביינאכט, האט דער רבי ר' אלימלך אויסגעפירט, דעריבער ווייס איך נישט מיט וואס איך קען אים העלפן, ווייל ער איז דאך טאקע גוט, און ער טראכט אויך אויף זיך זעלבסט אז ער איז א גוטער איד, אויב אזוי, וואס פעלט אויס אז ער זאל קומען צו מיר?

איז דער רבי פון לובלין געגאנגען און ער האט געזאגט צו דעם תלמיד חכם די ווערטער פונעם רבי'ן, וואס ער זאגט זז ער טרעפט נישט מיט וואס ער קען אים העלפן, וויבאלד ער האלט זיך פאר א גוטער איד, וועלכער דארף גארנישט האבן...! – הערנדיג יי ווערטער, האט דער תלמיד חכם אויסגעבראכן אין א ביטער געוויין, וויבאלד ער האט אנגעהויבן צו פארשטיין אביסל, אז אין דעם גופא שטעקט זיין געוואלדיגער חסרון, דערמיט וואס ער איז נישט מכיר אין אט דעם חסרון...

דער רבי פון לובלין האט אים מציע געווען אז ער זאל בלייבן ווארטן דארט אין ליזענסק, ביז עס וועט דארט אנקומען דער גרויסער ברודער פונעם רבי'ן, דאס איז דאך דער הייליגער **רבי ר' זושא זצוק"ל**, וועלכער פלעגט שטענדיג קומען צום הויף פון זיין הייליגער ברודער, און ער מיט זיין פקחות וועט אוודאי קענען טרעפן אן עצה פאר אים.

עס איז נישט דורכגעגאנגען קיין לאנגע צייט, און אט ייז דער הייליגער רבי ר' זושא אנגעקומען קיין ליזענסק, און ווען ער האט געהערט איבער דעם גאסט דער תלמיד חכם, האט ער זיך עטליכע מאל אריינגעלאזט מיט אים אין א שמועס, און פון די אלע שמועסן האט שוין דער איד פארשטאנען ווי ווייט איז ער נאך אלץ פונעם שלימות און פונעם אמת. ער האט איינגעזען ווי ער איז נאך פול מיט אסאך חסרונות, און ממש פון קאפ ביז פיס איז ער פול מיט פלעקן. אין אט די טעג פלעגט ער זייער אסאך וויינען, און ער פלעגט תשובה טון מיט פילע טרערן.

ווען ער איז נאכדעם אריינגעגאנגען אֶל הַקֹּדֶשׁ פְּנִימָה, וום הייליגן רבי'ן ר' אלימלך, האט ער אים אויפגענומען מיט גרויס פרייד און פריינדליכקייט, און ער איז געווארן איינער פון די גרויסע און הייליגע תלמידים פונעם הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע.

***

די הייליגע גמרא זאגט אינעם פינפטן פרק פון מסכת **שבת** (נו:): "אֵין לְךָ גָּדוֹל בְּבַעֲלֵי תְּשׁוּבָה יוֹתֵר מִיֹּאשִׁיָּהוּ דוֹרוֹ וְאֶחָד בְּדוֹרֵנוּ וכו'. אָמַר רַב יוֹסֵף וְעוֹד אֶחָד בְּדוֹרֵנוּ, וּמַנּוּ עוּקְבָן בַּר נְחֶמְיָה רֵישׁ גָּלוּתָא, וְהַיְנוּ **נָתָן דְּצוּצִיתָא**".

איז דארטן אין די גמרא ווערט נישט ערקלערט ווער איז אט דער **'נתן צוציתא'**, און וואס עס איז געווען די מעשה מיט אים. עס ווערט אבער יא דערמאנט אינעם **דדר הדורות**, און אויך אין נאך ספרים. זע אויך אינעם ספר **אוצר המדרשים** (דף 325 ז') וואו דער מעשה ווערט געברענגט באריכות.

דארט ווערט דערציילט אז אט דער 'נתן צוציתא' איז געווען איינער פון די עשירים פון כלל ישראל, און איינמאל האט ער געהאט גאר א גרויסער נסיון אין גאר א הארבע עבירה, ביז ער איז קראנק געווארן און האט געהאלטן ביים שטארבן צוליב אט דעם שווערן נסיון. און איבער זיין גרויסן נסיון, און דאס וואס די חכמים האבן אים גע'פסק'נט, ווערט ערקלערט ביים סוף פון פרק בן סורר (סנהדרין עה.) עיין שם.

אין זיינע צייטן איז געווען א מענטש, וועלכער האט געהאט אסאך חובות. האט מען אים גענומען און מען האט אים אריינגעלייגט אין תפיסה, וויבאלד ער האט נישט געהאט צו צאלן פאר די וואס ער איז זיי געווען שולדיג געלט. זיין ווייב פלעגט שפינען בייטאג און יינאכט, און מיט די געלט וואס זי האט פארדינט דערפון האט זי געקויפט עסן, און זי פלעגט אים ברענגען צו עסן.

אזוי איז ער געווען א לאנגע צייט אין תפיסה, און ער האט פארלוירן דער טעם אין זיין לעבן, און ער האט שוין געוואלט שטארבן. איין טאג, ווען זיין ווייב איז געקומען צו אים, האט ער איר געזאגט: ווער עס לייזט אויס איין מענטש פון שטארבן, איז עס אזוי ווי ער האלט אויף אסאך מענטשן ביים לעבן, און פאר

מיר איז פאר'מיאוס'ט געווארן די לעבן דא אין תפיסה, דעריבער אייל זיך און גיי צו נתן דציצותא, און בעט אים אז ער זאל מיר בארגן די געלט, און אויסלייזן מיין זעל פון שטארבן, און דו זאלסט אים זאגן, דו ווייסט דאך, און ווּדען האסטו נישט געהערט, אז ער איז קראנק און ער האלט ביים שטארבן...

האט זיין ווייב געצערנט אויף אים, און זי איז ההיימגעגאנגען אין צארן, און זי איז נישט געקומען צו אים דריי טעג. אינעם פערטן טאג האט זי רחמנות געהאט אויף אים, און זי האט געזאגט, לאמיר אים גיין זען איידער ער וועט שטארבן. איז זי געגאנגען און זי האט אים געטראפן ווי ער האלט ביים שטארבן. האט ער געזאגט צו איר – דער אויבערשטער וועט פאדערן פון דיר מיין פארשעמונג און דער רויב וואס ווערט געטון צו מיר, און ער וועט דיר פארכאפן מיט מיין זינד, איך זע אבער אז דו ווילסט אז איך זאל דא שטארבן... האט זי געשריגן מיט א הויכן קול און זי איז געפאלן אויף איר געזיכט...

איז זי אהיימגעגאנגען און זי האט געטראכט איבער איר צרה און איבער די צרה פון איר מאן, און זי האט רחמנות געהאט אויף אים, און זי האט זיך קלארגעמאכט ביי זיך אין הארץ וואס זי האט צו טון יעצט. די פרוי האט געהייסן חנה, און זי האט מתפלל געווען און זי האט געזאגט: איך בעט דיר השי"ת, העלף מיר און ראטעווע מיר. איז זי געגאנגען צום הויז פון נתן ציצותא, און ווען זיינע שרים האבן איר געזען, האבן זיי זיך געאיילט צו נתן אים צו דערציילן, אז חנה שטייט ביי די טויער.

האט ער זיי געזאגט, אז אויב עס איז אמת וואס זיי זאגן, וועלן זיי זיין פריי. איז זי אריינגעקומען אינעם הויף, האט זיין דינסט אים געזאגט, אז חנה איז אנגעקומען, האט ער איר געזאגט, אויך דו וועסט זיין פריי. איז חנה געקומען צו אים, און ער האט אויפגעהויבן זיינע אויגן ווּן ער האט איר געזאגט: יא מיין הארנטע, וואס ווילסטו? וואס איז דיין פארלאנג און עס וועט דיר געגעבן ווערן, און וואס איז דיין געבעט און עס וועט געטון ווערן.

האט זי געזאגט צו אים, מיין פארלאנג און מיין געבעט איז, אז דו זאלסט בארגן פאר מיין מאן די און די סומע געלט, וויבאלד ער איז פארשפארט אין תפיסה שוין לאנגע טעג, און אזוי וועט ער ארויסגיין פון תפיסה, און פאר דיר וועט עס זיין א געוואלדיגע צדקה פאר השי"ת. האט ער געהייסן זיינע קנעכט אז זיי זאלן ארויסנעמען ייי געלט און טון איר וואונטש, און צו איר האט ער געזאגט: אט האב איך געטון דיין וואונטש...

האט חנה געזאגט צו אים: איך וויל דיר יעצט מודיע זיין, ז' עס איז אנגעקומען צו דיר די געלעגנהייט זיך איינצוקויפן חַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא, און איך בעט דיר אז דו זאלסט זיך היטן אז דו זאלסט נישט פארלירן דיין שכר און דאס גוטס פון עולם הבא פאר א קלייניגקייט, און דו זאלסט טראכט אז דו ביסט אנגעקומען צו דיין ציל דורך עפעס וואס וועט דיר טרייסטן אינעם צוקונפט.

זע נאר, האט זי ווייטער גערעדט צו אים, אז יעדער יינער וואס האט געפאלגט זיין יצר הרע, ווי איז ער געטרייסט געווארן אן קיין תועלת, און יעצט קענסטו אין א קורצע צייט קונה זיין א לאנגע לעבן אויף דער וועלט און א גוטן שכר אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, וואס אנדערע מענטשן וואלטן נישט געקענט צוקומען דערצו נאר דורך אסאך מי און פלאג, און דא קענסטו אנקומען און טון דער ווילן פון השי"ת גרינג און שנעל, און אויב דו וועסט פאלגן דיין שכל און אנשרייען דעם יצר הרע, דעמאלטס וואויל איז דיר אויף דער וועלט און גוט איז דיר אויף יענער וועלט.

ווען דער מענטש, וואס זיין נאמען איז געווען נתן, האט געהערט אירע רייד, האט ער אנגעשריגן דעם יצר הרע, און ער איז אויפגעשטאנען פון זיין בעט און ער איז געפאלן אויף זיין געזיכט, און ער האט זיך געבעטן ביי השי"ת, אז ער זאל קענען אונטערטעניגן זיין יצר הרע און צוברעכן זיין גלוסטעניש, און אז ער זאל אים ווייזן דעם גוטן און ריכטיגן וועג, און אים צוריקצוברענגען בתשובה שלימה, און אז ער זאל אים פארגעבן זיינע זינד. און דער אויבערשטער האט אנגענומען זיין תפילה וואס איז געזאגט געווארן מיט הכנעה, און ער האט אים דאס געשאָנקען.

אאט נתן געזאגט צו חנה, געבענטשט ביסטו און געבענטשט איז דיין באנעמונג, גיי אהיים לשלום. איז זי געגאנגען און האט אויסגעלייזט איר מאן, און האט אים ארויסגענומען פון תפיסה, און זי האט אים דערציילט וואס זי האט געטון.

א לאנגע צייט שפעטער, האט רבי עקיבא ארויסגעקוקט פון פענסטער, און ער האט געזען ווי א מענטש רייט אויף א פערד, און אויף זיין קאפ איז דא א גרויסער שיין וואס שיינט וואונדערליך אזוי ווי די ליכטיגקייט פון די זון. האט ער צוגערופן איינעם פון זיינע תלמידים, און ער האט אים געפרעגט: ווער איז דער מענטש וואס רייט אויפן פערד? האט מען אים געזאגט: דאס איז נתן. האט ער געפרעגט זיינע תלמידים: זעט איר דען עפעס איבער זיין קאפ? האבן זיי געזאגט אז זיי זעען נישט. האט ער זיי געזאגט: ברענגט אים שנעל צו מיר. איז נתן געקומען און האט זיך געשטעלט פאר רבי עקיבא.

האט רבי עקיבא געזאגט צו אים: מיין קינד, איך האב געזען איבער דיין קאפ א געוואלדיגע לעכטיגקייט ווען דו ביסט געגאנגען, און איך ווייס אז דו ביסט פון די וואס ירש'נען עולם הבא, און יעצט, לאז מיר וויסן וואס דו האסט געטון. האט נתן אים אויסגעזאגט דער זאך, און ווען רבי עקיבא האט דאס געהערט האט ער זיך זייער שטארק געוואונדערט וויאזוי נתן האט זיך אונטערטעניגט און באזיגט זיין יצר הרע, און זיך דערווייטערט פון די זינד, ווּן וויאזוי ער האט זיך צוריקגעקערט בתשובה שלימה. און ער האט געזאגט צו אים: דו האסט געטון א געוואלדיגער זאך, און דעריבער האט דער אויבערשטער געמאכט שיינען איבער דיין קאפ דעם געוואלדיגן לעכטיגקייט וואס איך האב געזען, און דאס איז נאך אויף דער וועלט, און עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה וואס איז באהאלטן פאר דיר אויף יענער וועלט, איז גאר וואונדערליך.

און יעצט מיין קינד, פאלג מיר און נעם אן מיין עצה, און זעץ דיך פאר מיר און איך וועל דיר אויסלערנען די תורה. האט נתן אזוי געטון, און ער האט זיך גזעצט פאר רבי עקיבא, און דער באשעפער וואס עפנט און פארמאכט נישט, האט געעפנט זיין הארץ אין זיין תורה. און גאנץ שנעל איז ער אנגעקומען צו גאר א גרויסע מדריגה אין חכמה, און ער איז געזעצן צו דער זייט פון רבי עקיבא אויף איין מדריגה... זע דארט.

זע אויך אין **רש"י** אין סנהדרין (לא ע"ב ד"ה לדזיו) וואו ער איז מרמז צו די אויבנדערמאנטע ווערטער פונעם מדרש, זע דארט און אין **ספר יוחסין**.

און אין **מהרש"א** חידושי אגדות דארט אין מסכת שבת, ווערט געברענגט אין נאמען פון **ערוך** (ערך נתן), אז נתן צוציתא האט געהאט א '**חלוק של שער עזים**', אזא מלבוש וואס איז געווען געמאכט פון ציגן האָר, וואס האט שטענדיג געקראצט אויף זיין קערפער, כדי סס זאל אים זיין א כפרה, ווייל ער איז געווען א געוואלדיגער בעל תשובה, עיין שם.

**מנוחתו כבוד פון 'נתן צוציתא' איז אין די הייליגע שטאט צפת, און ווער עס איז זיך משתטח אויף זיין בבר איז זוכה צו א געוואלדיגער נאנטקייט פון תשובה, ווייל די הייליגע גמרא אליין זאגט עדות אויף אים אז עס איז נישטא נאך אזא גרויסער בעל תשובה ווי ער. און ער לערנט אויס א דרך תשובה פאר יעדער אידיש קינד, איבערהויפט פאר בעלי עבירה וועלכע עענען נאנט צו יאוש, רחמנא ליצלן, ווייל עס איז נישטא קיין שום מענטש וואס קען נישט תשובה טון, ווייל עס שטייט אין פסוק לְבִלְתִּי יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח, און דער אויבערשטער איז מְקַבֵּץ נִדְחֵי עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל, און ער באוויליגט שטענדיג בִּתְשׁוּבַת עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל בְּאַהֲבָה, אָמֵן.**




די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!